# ווער תיקון עירובין דוויליאמסבורג

בהשגחת ובפיקוח בי"ד המיוחד לעניני עירובין

שמחים לשמרו ולערב עירובו

**VAAD TIKIN EIREVIN**
**of WILLIAMSBURG**
288 Keap St. Brooklyn NY 11211
(718) 387-4498


אמע"כ תושבי שכונתינו המעטירה העיר ואם בישראל וויליאמסבורג יצ"ו.

צום ערשט פילן מיר א פליכט אפצוגעבן א שבח והודי' פארן הייליגן באשעפער אויף די פילע חסדים וואס ער האט באוויזען, און אונז מזכה געווען מיט'ן אהערשטעלן אן אויסערגעווענליכע מהודר'דיגן עירוב ארום אונזער שטאט דער עיר ואם בישראל וויליאמסבורג, לויט'ן ווילן און גוטהייסונג פון אונזערע רבנים און מנהיגים פונ'ם פריערדיגן דור די גרינדער'ס פונ'ם היגען אידישן ישוב, און בהתיעצות פון רבנים מורי הוראות און מנהיגי הקהילות שליט"א.

## צאי לך בעקבי הצאן

עס איז איבריג ארויסצוברענגען די גרויסע תועלת פון א עירוב, און די געוואלדיגע אויפטוהונגען דערפון

> ...וממילא כל קהלה ויחיד צריכין לעמוד לסיוע לכלכל גודל ההוצאות בזה...
> (מתוך דברי הגה"צ אב"ד טשאקאווא זצ"ל במכתבו למען תיקון עירוב בוומסב"ג)
>
> ...ובודאי מצוה גדולה לעמוד לימינו ולתמכו בענין הגדול הזה...
> (מתוך דברי הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל במכתבו למען תיקון עירוב בוומסב"ג)

ברוחניות און בגשמיות, וואס ווער עס קוקט נאר אריין אין די ווערטער פון רבותינו הקדושים מוסדי דור ודור, אין די פוסקים ראשונים און אחרונים, ספרי קבלה און חסידות, זעהט קלאר ווי שטארק זיי זענען מאריך איבער דאס וויכטיגקייט פון אן עירוב, סיי בנוגע שמירת שבת, סיי בנוגע עונג שבת, און סיי בנוגע די געוואלדיגע קדושה וואס די עירוב איז משרה אויפ'ן מקום. און ווי מיר זעהען קלאר פון די אויסדריקליכע פסק אין שלחן ערוך: "מצוה לחזור אחר עירובי חצרות" (סי' שס"ו סעי' י"ג), און "מצוה לחזור אחר שיתופי מבואות" (סי' שצ"ה סעי' א').

> דער הייליגער שינאווא רב זי"ע זאגט צו "זייט מתקן אן עירוב אין אייער שטאט וועט איר זוכה זיין צו זרע של קיימא!"
> (ליקוטי דברי יחזקאל החדש) וכן איתא בס' ילקוט מאורי אור ע' רמ"ת עובדא כזו על הרה"ק רבי משה מקאריסטשוב זי"ע בן הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זי"ע

אזוי אז עס איז טאקע נישט קיין שום חידוש אז אונזערע פריערדיגע גדולים פון דערהיים און פון דאהי האבן אזוי שטארק צוגעשטופט און מחזק געווען אז מען זאל מאכן אן עירוב אין איעדן אידישן ישוב. און זעלבסט אנטייל גענומען דערין מיט סכומים נכבדים ארויסצוהעלפן מיט וואס נאר מעגליך אז דער עירוב זאל קענען צושטאנד קומען, און ארויסגעברענגט זייערע ווארעמע שטיצע דערצו בכתב ובעל פה.

## ישמחו במלכותך, "שומרי שבת"

ווער עס נעמט נאר אביסל אין באטראכט וואס עס מיינט א עירוב אין א אידישע שטאט, קען כמעט נישט פארשטיין ווי מ'קען זיך באגיין אן דעם. אז מיר וועלן אויסרעכענען די פילע פראבלעמען וועלכע ווערן פארשפארט דורך דעם עירוב, קען מען אפשרייבען א גאנצען קונטרס דערויף, מיר וועלן נאר באטאנען עטליכע פון זיי, ותן לחכם ויחכם עוד. מ'קוקט זיך צו וויפיל מענטשען ווערן פשוט געראטעוועט דערמיט פון פיל איסורים, שוין אפגערעדט פונ'ם חלק פון הוצאה בשוגג, וואס לב יודע מרת נפשו מיט וויפיל מ'ווערט נכשל דערין, ווי דער הייליגער חתם סופר שרייבט דערויף (או"ח סי' צ"ט) "אשר ממש אי אפשר להזהר ממנו", אין איז מבאר דארט אז עס איז כמעט אום מעגליך צו זיין א שומר שבת ווי עס דארף צו זיין אן קיין עירוב. און בפרט א שבת נאך יו"ט, אדער ווען מען קומט צוריק פון די קאנטרי'ס, וואס דארט איז מען געוואוינט צו טראגן, אדער פאר אידן וואס קומען פון אנדערע געגענטער, וועלכע זענען אריינגענומען מיט א עירוב, און זענען בכלל נישט געוואוינט נזהר צו זיין דערין. וויפיל גאס-עירובין אין אונזער געגענט זענען פסול ממש לכל הדעות? און ווער רעדט נאך פון די סוכה-עירובין וואס יעדער בעל הבית מאכט זיך פאר זיך? וויפיל הייזער האבן נישט קיין עירובי חצרות ווי עס דארף צו זיין, אדער אפילו

**כ"ק אדמו"ר הקוה"ט מפאפא זי"ע ברענגט אין ויחי יוסף (פרשת חוקת) א מורא'דיגער מעשה וואס פון דעם זעהן מיר די געוואלדיגער זכות פון ארויסהעלפען אן עירוב.**

**היה עובדא אצל הגאון רבי ר' יונתן אייבשיץ זצ"ל שבעירו היה שם רשע אחד שהיהודים סבלו ממנו צרות רבות, ופעם שלח הגאון הנ"ל את משמשו לתקן עירוב העיר, וכשראה אותו הרשע איך שמטפל וטורח עצמו בעשיית העירוב, רצה לסייעו. והשיב לו: הלא אני שלוחו של הרב, וצריך אני לשאול רשות ממנו, וכשבא לפני הרב אמר לו: שח"ו להניחו לסייע בעשיית העירוב, כי זה הרשע אין לו שום לחלוחית דקדושה, וכבר הגיע קיצו להסתלק מן העולם, אך הבע"ד רוצה להעמידו ולקיימו, לכן שלחו לקיים איזה דבר מצוה, כדי שיהי' לו יניקה מקדושה. ולמחר מת אותו רשע.**

בכלל נישט קיין עירובי חצרות, בלויז צוליב דעם ווייל עס פאלט נישט איין אז מען ברויך עס צו מאכן, אדער איינער פארלאזט זיך אויפ'ן צווייטן, וואס די זאכן זענען מעשים בכל שבת קודש, און מ'טראגט דארט אריין און ארויס פון דירה מיט א פשוט'ע איסור הוצאה? וויפיל ווייסן אז ווען מ'שלעפט א פעקל פאר א יולדת איז מותר ממש נאר וואס די יולדת דארף האבן פאר שבת? מיט וויפיל איסורי הוצאה שלא לצורך ווערט מען נכשל יעדן יום טוב באזונדער, וואס די גדולי הפוסקים האבן זיך אויסגעדרוקט אז מענטשן ווייסן נישט, אז דאס וואס עס איז מותר הוצאה אום יו"ט, איז נאר לצורך יו"ט, אבער שלא לצורך יו"ט איז אסור, וואס צוליב דעם פראבלעם אליין פעלט אויס אן עירוב? וויפיל הלכה'דיגע שטוב שאלות קענען נישט באהאנדעלט ווערן ביי א מורה הוראה אן קיין עירוב, און וויפיל פון זיי פסק'נט מען זיך אפ אליין? וויפיל שאלות ביי הצלה לייט ווערן פארמיטן דורך דעם עירוב? וואס אויף אזעלכעס און דאס גלייכן שרייבט דער הייליגער דברי חיים (ח"ב סי' ל"ג) "כי הרבה מכשולים באים באין עירוב".

"...הנה דבר הזה א"צ הסכמה, כי כבר כתבו גדולי הדורות שלפנינו שהוא ענין נחוץ מאד, ומצוה להשתדל לעשות עירוב בכל מקום כמ"ש רבינו הגהול בתשו' ח"ס או"ח סי' צ"ט עי"ש, ומרן הגה"ק בשו"ת דברי חיים ח"ב או"ח סי' ל"ג כתב "הרבה מכשולים באים באין עירוב" עכ"ל, ובפרט בעיר גדולה כעירנו ניו יארק קרוב יותר לבוא לידי מכשולות רבות בחסרון עירוב כידוע..."

(הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל במכתבו למען תיקון עירוב בוומסב"ג)

דער הייליגער ייטב לב זי"ע איז מבטיח "ווער עס וועט טוען און העלפען צו מתקן זיין דעם עירוב, איז בין איך מבטיח 'חלב חיטים ישביעך', עס וועט אין קיינמאל גארנישט פעלן, און איך געב אים אוועק מיין חלק און עולם הבא!"

(גדולת יהושע נאסאד)

## וקראת "עונג"

אין דאס איז אויסער די געוואלדיגע "עונג שבת" וואס ווערט פארשאפט דאדורך פאר טויזענטער אידן. וואס דאס פאר זיך איז א מצוה וואס חז"ל זענען עס מסמיך אויפ'ן פסוק "וקראת לשבת עונג", וואס דורכ'ן עירוב איז דא מער מעגליכקייט דערצו, ווי מיט באזוכן עלטערן, באזוכן עלטערע אין קראנקע אידן, מיטהאלטן שמחות אין משפחה און ביי פריינד, און דעם אז מען זאל האבן א דאגה אויף וועמען מען קען איבערלאזן די קינדער. און אין דעם אז מען זאל זיך דארפן אריבערציען צו די עלטערן מיט די גאנצע משפחה אריינגערעכנט די אלע אומאנגענעמליכקייטן וואס זענען פארבינדן דערמיט, ברוחניות ובגשמיות. עלטערע אידן העניען גיין מיט'ן שטעקן געהעריג, אידן וואס ברויכן מיטנעמען מיט זיך פארשידענע מעדעצינען על כל צרה שלא תבא קענען ארויסגיין מיט א רויהיגן געוויסן, משפחות וואס האבן ביי זיך ל"ע אן אינוואליד ווערט פארלייכטערט אז מען קען אים ארויסטראגן אביסעל, עלטערע אידן וואס מ'דארף זיי פירן מיט א וויעל-טשעיר שפירן זיך פיל רוהיגער אז זיי דארפן נישט צוקומען צו טובות פון אומפארלעסליכע גוים זיי צו פירן אין בית המדרש וכדו', וואס אמאל קומען זיי יא און אמאל נישט, און העולה על כולנה אז אין פילע שטובער מיט פיצלעך קינדער אין די ענגע וויליאמסבורגער דירות, האבן די מעגליכקייט ארויסצוגיין אויף די פרישע לופט, ווי איידער צו זיצען מיט די קינדער איינגעשפארט א גאנצען שבת אינדערהיים. וואס צוליב דעם אליין שרייבן די פוסקים אז עס איז א מצוה צו מאכן אן עירוב, ווי עס ווערט געברענגט אין פרישה (סי' שצ"ה) אויפן דין פון מצוה לחזור אחר עירובי חצרות, "פי' צריך הנאתו כדי לטייל או להביא צרכי אכילתו, וזה מצוה כמ"ש וקראת לשבת עונג", און ווי דער פרי מגדים (סי' ר"ס א"א סק"ג) שרייבט "ומשום מצוה כבוד שבת שלא יהיו ידיו אסורות מלהוציא ולהכניס", און אזוי אויך שרייבט דער כוזרי (מאמר שלישי אות נ-נ"א) עיי"ש. (ועי' בשו"ת ויען יוסף סי' קל"א אז כדי א פרוי זאל קענען ארויסגיין פון שטוב שבת, הייסט א צורך גדול)




## עם "מקדשי" שביעי

דאס אלץ איז נאר על פי חלק הנגלה, ווידער על פי חלק הנסתר, אין קבלה און חסידות, זענען דא גאר גרויסע ענינים אין דעם ענין פון תיקון עירובין, ווצ"ב, דער עצם עירוב פאר זיך ברענגט אריין א קדושה אין די גאנצע אידישע סביבה ווי עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים פון אר"י הקדוש און פון תלמידי בעל שם

"אנחנו ראינו לרבותינו זצ"ל שהיו משתדלים לעשות תיקון עירובין כדי להציל ההמון ממכשול והיו מחשבין זאת לזיכוי הרבים וכמש"כ בזה מרן החת"ס בתשובה חלק או"ח סי' צ"ט שהאריך לבאר בטוב טעם ודעת חשיבות הדבר עיי"ש וכיו"ב כתב בברכי יוסף (סי' שס"ג אות ב') עיי"ש"...

(שו"ת ויען יוסף סי' קצ"ו)

טוב הק' זי"ע (עי' שער המצוות פ' בשלח דרוש ג') אז דורך דעם וואס מען מאכט פון

> ... מצוה גדולה לתקן עירוב בוויליאמסבורג, אשר בזה תהי' הצלה גדולה לאחב"י שלא יכשלו ח"ו בחילול ש"ק ע"י הוצאה ברה"ר, וכבר דיברו מזה הפוסקים שמצוה רבה הוא לתקן עירובין בעיר, וכאשר מעולם הי' נעשה בעיירות רבות עפ"י גדולי הרבנים...
>
> (הגה"צ אב"ד שארמאש זצ"ל במכתבו למען תיקון עירוב בוומסב"ג)

א רשות הרבים א רשות היחיד, ווערט דאס דער רשות פונ'עם יחידו של עולם, און פארטרייבט די קליפות און צד התנגדות דקדושה דורכאויס דער גאנצע וואך. און אויך ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, אז דער בעל שם טוב זי"ע האט באפוילן זיינע תלמידים, זיי זאלן זיך פארלייגן מתקן צו זיין דריי ענינים וואס רארפען גרויס חיזוק, און זיי זענען שחיטה, מקוואות און עירובין, זאגענדיג אז די דריי ענינים זענען מרומז אין פסוק (חבקוק ג י"ב), "בזעם תצעד ארץ", וואס די ר"ת פון "זעם" איז, זביחה, עירובין, מקוואות (מובא בבעש"ט עה"ת פר' יתרו). און נאך ווערט געברענגט אין אוהב ישראל (פ' מסעי) "על ידי העירוב נעשה שמחה וחדוה ותענוג בכל העולמות להמשיך כל חידו וכל טיבו לכל העולמות ולהכנסת ישראל". און נאך פיל אנדערע פארשידענע גרויסע ענינים וועלכע ווערן געברענגט אין ספרים הקדושים אויפ'ן מצ'ת עירוב.

## עירובין אין שטעט-אמאל און היינט

די אלע זאכן זענען געווען נר לרגליהם פון אונזערע פריערדיגע גדולים וועלכע האבן מתקן געווען עירובין אין די אידישע

> "...לא הבנתי טעם הרבנים שרוצים למנוע דבר זה בעיר ניו יארק מטעם שיוכל לגרום קלקול וזלזול וקלות הלא ראינו לרבותינו ז"ל שלא היו חוששין ע"ז והיו מהדרין לעשות כן מטעם התיקון הגדול שיש בזה אף במקומות ששייך לחשוש חששות כאלה, ואם נאמר שבעיירות שבאייראפא היה הדבר נחוץ יותר מבכאן גם זה אינו מתקבל על הלב."
>
> (שו"ת ויען יוסף סי' קצ"ו)
>
> "ולא ירא ולא יחת על מה שישנם כמה שמנגדים, כי זה הוא הדרך מעולם ועד עתה, קצתם משום קנאה שמקנאים באדם שזוכה להיות ממזכי הרבים, וקצתם מפני שהשטן לא ניחא ליה שע"י עירוב אחד יפסקו אלפים מישראל מלהיות מחללי שבת ויכנסו בגדר שומרי שבת..."
>
> (הגה"צ רומ"ץ וויען זצ"ל במכתבו למען תיקון העירוב בוומסב"ג)

שטעט, ווי ווארשא, קראקא, אדעסא, פראנקפורט דאמיין, גראסווארדיין, לאדז, מונקאטש, סאטמאר, א.א.וו. וואס די רבנים הגדולים והצדיקים פון אלע דורות האבן זיך אנגעשטרענגט, אפילו אויף א אופן וואס מען האט זיך געדארפט פארלאזן אויף פארשידענע היתרים, צו מתקן זיין אן עירוב. און אויך היינט צוטאג'ס איז כמעט אין איעדן אידישן ישוב פארהאן א עירוב, ווי אין ירושלים, בני ברק, בית שמש, מאנסי, בארא פארק, קרית יואל, שיכון סקווירא, א.א.וו. און ווי אויך איז דאס געווען דער באגער און שטארקן רצון פון די רבנים הגאוה"צ די מייסדי הישוב פון דאהי, וואס ווי באקאנט האבן זיי שטארק געשטרעבט אז עס זאל זיין דא אן עירוב. ווי טייל פון זיי האבן דאס זייער שטארק ארויס געברענגט בכתב.

## דער וויליאמסבורגער עירוב

אבער למעשה איז הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל, און מן השמים האט זיך עס אזוי געפירט אז דער וויליאמסבורגער עירוב איז און די אלע יארן נישט צושטאנד געקומען צוליב פארשידענע פראבלעמען וואס האבן זיך געשטעלט אין וועג, גענוי ווי עס איז דער כלל ביי איעדער דבר טוב, אז ווי גרעסער דער מציה איז אלס מער פארלייגט זיך דער שטן דערויף. און טאקע ביז איצט האט מען נאך נישט מצליח געווען דאס צושטאנד צו ברענגען כאטש דעם וואס עס זענען שוין עטליכע מאל במשך די יארן געטוהן געווארן דערויף גאר גרויסע השתדלותן.

אבער ווען עס איז איצט ווידער ארויפגעברענגט געווארן די געדאנק פון מתקן זיין אן עירוב דאהי, האבן מיר צוגעטרעטן צום ענין מיט לאנגיעריגע עסקנים העוסקים בצרכי ציבור באמונה ראש וראשונים לכל דברים שבקדושה, וועלכע האבען זיך אריינגעלייגט דערין אונטערן אויפזיכט פון רבנים מובהקים הבקיאים בטוב הלכות עירובין ה"ה די בי"ד המיוחד לעניני עירובין, ובראשם גדולי הפוסקים שליט"א, און משקיע

> "...עלה עליו רוח טהרה לזכות את הרבים בשמירת ש"ק לעשות תיקון עירובין בעירנו פה... וכבוד שמירת ש"ק יתרבה ע"י ואחרי כי מצוה הרבה הזאת נחוצה היא כמ"ש בתשו' חת"ס ...
>
> (הגה"צ אב"ד אראד זצ"ל במכתבו למען תיקון עירוב בוומסב"ג)

געווען רמים תרתי משמע, צייט און מח, אהערצושטעלן די אלע מחיצות און צורת הפתח מיט א שטארקייט און מיט די גרעסטע מאס פינקטליכקייט אז זיי זאלן זיין איסגעהאלטן בלי שום פקפוק כלל אזוי ווי עס האבן עס באווינדערט די אלע רבנים וואס האבן דאס באקוקט. און מיט'ן באשעפער'ס הילף, איז דער עירוב טאקע אויפגעשטעלט געווארן צו שטיין און בלייבן מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף ביז משיח'ס טאג במהרה.

זעהן מיר ב"ה די חסדי ד', אז די רצון און שטרעבן פון די פריערדיגע גדולים איז נישט געגאנגען לאיבוד, און נאך די פילע יארן וואס זענען פארלאפן אינצווישן, האבן מיר שוין זוכה געווען צו זעהן ווי רצון יראיו יעשה, און די עירוב ארום וויליאמסבורג איז פערטיג געווארן צים באניץ פון די טויזענטער חרדי'שע אידן פון דאהי, און מיר זענען זיכער אז זיי פרייען זיך א ודאי מיט, מיט די שמחה פון עליונים ותחתונים וועלכע פרייען זיך מיט די עירוב, ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (עירובין כ"א ע"ב) אז "בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצתה בת קול ואמרה בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני (משלי כ"ג) ואומר חכם בני ושמח לבי ואשיבה חורפי דבר" (משלי כ"ז).

דערביי איז אונזער תפלה פארן בוכ"ע, אזוי ווי "עד הנה עזרונו רחמיך". זאל דער אויבערשטער ווייטער העלפן מיר זאלן ווייטער קענען אויספירן אונזערע פליכט כיטן מזכה זיין שלומי אמוני ישראל מיט שמירת און עונג שבת. זאלן מיר אלע זוכה זיין צו אלע ישועות און רפואות. און אלע סגולות וואס ליגט אין שמירת שבת כהלכה בכלל, און אין מצות עירוב בפרט.

"...א"כ השכל הפשוט גוזר, שראוי ומחוייב לתקן החצרים והמבואות בעירוב המתיר טלטול... והדבר מוטל על הרב הת"ח שבעיר לתקן המבואות, ואם לאו מכשול וקולר העם על צווארו... דהאי ברכה "על מצות עירוב" היא על מצות התיקון הגדול הלז, להשמר מאיסור הוצאה, אשר ממש אי אפשר להזהר ממנו"
(שו"ת חת"ס או"ח סי' צ"ט)

**זעלבסט פארשטענדליך אז די אלע זאכן קאסטן אפ ריזיגע סכומים פון געלט, אנגעהויבן פונ'ם אינסטאלירן דעם עירוב, סיי דאס עצם ארבעט, און סיי די אלע זייטיגע הוצאות וואס זענען געווען פארבינדן דערמיט וואס אין כאן מקומם לפרט, און דערנאך דאס אויפהאלטונג פונ'ם עירוב זעלבסט, און דערביי די וועכנטליכע השגחה וואס ווערט מיט די גרעסטע מאס שטרענגקייט איבערגעקוקט דורך די משגיחים, וועלכע גיבן זיך איבער דערפאר פילע נאכאנאנדע שעות יעדן ערב שבת, און די גרעסטע ווינטן און רעגענ'ס וועט זיי נישט צוריקהאלטן דערפון, אלעס אז אונז זאלען קענען האבען א רואיגען שבת בשלום ובמישור בקדושה ובמנוחה לעונג ולתפארת.**

## קויפט אייך די פאלגענדע זכותים:

| | |
|---|---|
| מחזיק לחודש | $3,600 |
| מחזיק לשבוע | $1,200 |
| תומך חודש | $1,000 |
| תומך שבוע | $360 |
| תומך | $180 |
| ראש המשפחה | $100 |
| דולר לשבוע | $52 |

אבער ווי ביי א יעדער מצוה איז אית דפרע בגופי', וואס זיי נעמען אנטייל דערין דורך זיך זעלבסט באטייליגן און נעמען א חלק אין די שווערע ארבעט, און עס זענען פארהאן די אית דפרע בממוני', אזעלכע וואס מיט געלט נעמען זיי זייערע חלק אינ'ם מצוה, און דאס זענען טאקע די נדיבים בעם וועלכע האבען זיך ביז איצט צוגעשטעלט מיט גאר פאנטאסטישע סכומים אויף אהערצושטעלן דעם עירוב מיט איהרע אלע צוגעהערן.

אבער אזוי ווי דער געברויך אין געלט איז נאך גרויס, סיי צוליב די פארבליבענע גרויסע חובות פון דער עצם אינסטאלירן דעם עירוב, און סיי צוליב די שטענדיגע גרויסע הוצאות ווי אויבנדערמאנט, וואס דאס אלעס איז אין הקומץ משביע את הארי, אפעלירן מיר דא צו אלע תושבי עירנו הי"ו אנטייל צו נעמען אין דער גרויסע מצוה, און שיקען זייערע ברייטהארציגע נדבה ארויס צו העלפען צום עקזיסטענץ און קיום פון דער געוואלדיגע מצוה.

מיר זענען זיכער אז תושבי עירנו הי"ו זעהען פאר א גרויסע זכי', צו האבען פאר זיך אזא אויסערגעוועהנליכע געלעגנהייט אנטייל צו נעמען אינ'ם אויפשטעלן דעם עירוב, וואס לאו בכל יומא אתרחיש צו האבן א חלק אין אויפשטעלן אן עירוב און א עיר ואם בישראל פאר אזא ציבור אידן בלי ע"ה און זיין פון די זוכים ומזכים את הרבים אויף אזא פארנעם לדורות רבים. און די ציבור שוחרי תורה ומצוות וועלן זיך אודאי גאר שטארק צוכאפן דערצו און פארגרינגערן דעם שווערן עול וואס די עסקנים האבן זיך אונטערגענומען, און וועלן זיך אודאי גאר שיין באטייליגן דערין ביד רחבה וברוח נדיבה.

דערביי ווערט שטארק אפעלירט צום ציבור תושבי עירנו הי"ו זיך משתתף צו זיין מיט לכה"פ דעם מינימאלן סכום פון $100 פאר א יעדער ראש המשפחה, וואס דאס איז אין אמת'ן א נישטיגע סומע פאר אזא הנאה רוחנית און עונג שבת, אדער וויינעגסטענס די סכום פון $52, וואס קומט אויס איבער'ן יאר $1 פאר א יעדן שבת קודש.

און ווי באקאנט זענען די אלע משתדלים אין די גרויסע מצוה שוין געבענטשט דורך די פריעדיגע צדיקים מיט כל טוב, ווי עס איז באקאנט אז דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט צוגעזאגט עולם הבא פאר דער וואס איז זיך משתדל אויף אן עירוב, און דער הייליגער שינאווער רב זי"ע האט צוגעזאגט געבענטשט צו ווערן מיט קינדער. און אודאי איז בכלל זה די אלע תומכים עסקנים און מסייעים לדבר מצוה געבענטשט צו ווערן בבני חיי ומזוני רויחי, רפואות וישועות, פרנסה ונחת בניקל ובהרחבת הדעת.

החותמים למען כבוד, עונג, שמירת וקדושת השבת

**וועד תיקון עירובין דוויליאמסבורג יצ"ו**

**PLEASE MAKE YOUR TAX DEDUCTIBLE CHECKS PAYABLE TO: TIKIN EIREVIN OF WILLIAMSBURG**
**OR KINDLY FILL OUT YOUR CREDIT CARD INFORMATION BELOW**

CARDHOLDER'S NAME: ____________

CARDHOLDER'S BILLING ADDRESS: ____________ ZIP: ______

TEL: ____________

CARD NUMBER: ____________

EXP. DATE: __/__/__ SIG.: ____________

AMOUNT: $ ______ OR BILL ME MONTHLY. AMOUNT $ ______ FOR ______ MONTHS

TYPE OF CARD ☐ ☐ VISA ☐ ☐